# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

נח

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

בארה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

יו"ל ע"י מכון באר אמונה
© 2024 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# תוכן הענינים

## פרשת נח


קשה עלי פרידתכם - זיך האַלטן מיט'ן יום טוב, דורך גוטע קבלות ........... ב

ואני הנני מביא - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ........... ד

ובאת אל התיבה - מיט דיין תפילה ביסטו משפיע אַלע השפעות אויף דיין גאַנצע שטוב ........... ז

בעיני ה' - ווען מ'היט זיך די אויגן איז מען זוכה אַז מ'קען זעהן הימל'ישע מראות ........... יא

ובתרותו יהגה יומם ולילה - לימוד התורה איז דער מקור פון אלע ברכות ........... טו



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד:**

shwrtz@bezeqint.net

# פרשת נח

**קשה עלי פרידתכם - זיך האַלטן מיט'ן יום טוב, דורך גוטע קבלות**

**חז"ל** זאָגן (סוכה נה:), אַז שמיני עצרת בעט דער אויבערשטער פון אידישע קינדער, 'עכבו עמי עוד יום אחד' - פאַרבלייבט מיט מיר נאָך אַ טאָג. 'קשה עלי פרידתכם' - ס'איז שווער פאַר מיר כביכול צו שיידן זיך פון אייך.

**איז** לכאורה שווער, וואָס קען שוין העלפן זיך צו אויפהאַלטן נאָך אַ טאָג מיט'ן אויבערשטען כדי לייכטער צו מאַכן פאַר איהם כביכול די צעשיידונג וואָס איז אַזוי שווער. אדרבה, ס'איז מסתבר פאַרקערט, אַז ווען צוויי מענטשן האָבן זיך ליב און זיי פאַרברענגען צוזאַמען פריוואַט נאָך אַ טאָג, ווערט דאָך דער קשר נאָך פיל גרעסער און שטאַרקער, און ווען דער טאָג גייט אַדורך, וועט זיין פאַר זיי נאָך שווערער זיך צו שיידן איינער פונעם צווייטן.

**ענטפערט** הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע מיט אַ משל, דער זון פונעם קעניג האָט חתונה געהאַט אין אַ גאָר ווייטן לאַנד, און זיין האַרץ איז פול מיט בענקעניש צו זיין טאַטן דעם קעניג, נאָר צוליב דעם גרויסן מרחק האָט ער נישט געקענט פאָרן צום טאַטן. איינמאָל איז דער פאָטער געקומען איהם באַזוכן און דער זון האָט זיך זייער געפרייט מיט זיין טאַטן. די גאַנצע צייט וואָס דער פאָטער דער קעניג האָט זיך געפונען נעבן זיין זון, האָט דער זון זיך געפרייט גאָר שטאַרק, אָבער ווען ס'איז געקומען צום געזעגענען, איז דאָס באַליבטע קינד, דער 'ילד שעשועים', אַריינגעפאַלן צום טאַטן, ער איז איהם געפאַלן צו די פיס און געזאָגט: 'חולת אהבה אני' - איך בעט דיך, טאַטע, לאָז מיך נישט איבער דאָ אַליין, מיין האַרץ וועט עס נישט אויסהאַלטן, איך קען מיך ממש נישט אָפּטיילן...

**האָט** דער טאַטע זיך אַנטשולדיגט פאַר דעם זון, און געזאָגט, מיין טייער קינד, איך האָב נישט קיין רפואה פאַר דיינע שטאַרקע בענקענישן... נאָר איין עצה קען איך דיר יאָ געבן: אויב דו וועסט צוגרייטן פאַר מיר אַ שיינע דירה נעבן דיר, וועל איך קענען וואוינען נעבן דיר...

**דער** נמשל איז, דער אויבערשטער און די אידן זאָגן, 'קשה עלי פרידתכם', זאָגט דער אויבערשטער - אויב אַזוי, זאָלט איר מאַכן פאַר מיר אַ 'מקדש' און איך וועל דאָרט מאַכן רוהען מיין שכינה, און אַזוי וועלן מיר אייביג זיין צוזאַמען.

**וועט** דער מענטש זאָגן, איך בין דאָך אַ 'קרוץ מחומר', ווי אַזוי קען איך צוגרייטן אַ הייליגן רוה-אָרט פאַר דעם 'מלך מלכי המלכים', דער גרויסער באַשעפער? אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער, איר זאָלט זיך אויפהאַלטן מיט מיר נאָך אַ טאָג, ווייל חז"ל זאָגן (ע"ז ג.) 'אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו' - דער אויבערשטער זוכט נישט צו מאַכן שווערער פאַר דעם מענטש, און ער בעט פון איהם נאָר אַ 'קלייניגקייט': 'יום אחד' - איין טאָג, איין קליינע קבלה[א].

---

**א.** על דרך משל, אַ גרויסער שיינער 'שענדעליער' וואָס הענגט אויפ'ן דאַך אין דעם קעניגליכן פּאַלאַץ, און עס באַלייכט דעם גאַנצן פּאַלאַץ. עס איז באַהאָפטן צום דאַך דורך איין 'נאָגל'. האָט אַ אַ נאַרישער מענטש געטראַכט ביי זיך, דער נאָגל אַליין האָט דאָך נישט קיין ווערד מער ווי עטליכע פּרוטות, און אַוודאי האָט עס נישט קיין שום שוויות קעגן דעם 'שענדעליער' אַליין, אויב אַזוי, דאַרף דאָך דער קעניגליכער פּאַלאַץ נישט האָבן דעם ביליגן נאָגל, וועל איך עס אַראָפּנעמען פונעם דאַך און עס האַלטן פאַר מיין פריוואַטן באַנוץ... און אַזוי האָט ער געטוהן, ער האָט זיך געגרייט אַראָפּצונעמען דעם נאָגל פונעם דאַך. האָבן אַלע איהם אָנגעשריגן, אַז ריכטיג טאַקע, דער נאָגל אַליין האָט נישט קיין ווערד אַנטקעגן דעם טייערן לאָמפּ, אָבער דער לאָמפּ קען דאָך נישט באַלייכטן דעם פּאַלאַץ אָן דעם נאָגל... ווייל אויף וואָס וועט עס זיך האַלטן אויפ'ן דאַך.

הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע האָט געזאָגט אַז אין די טעג פון יום טוב סוכות ברענגט מען אַ סאַך אָקסן אויפ'ן מזבח, אָבער שמיני עצרת ברענגט מען נאָר איין 'פר', ווייל ווען דער יום טוב גייט אַרויס דאַרף מען טוהן אַ 'קליינגקייט', כדי מ'זאָל קענען האַלטן אין זיך דעם אור פונעם יום טוב[ב]. מ'טאָר נישט גיין 'צו-גרויס', נאָר צו נעמען אויף זיך איין קליינגקייט, און דאָס זאָל מען היטן בשלימות[ג]. (ספר 'נאות דשא')

---

דער נמשל איז, **די מורא'דיגע געהויבענע הארות צו וועלכע מ'איז זוכה אין דעם יום טוב, האַלטן זיך נישט אינעם מענטש, נאָר דורך אַ גוטן פעסטן 'נאָגל', וואָס דאָס די גוטע קבלה, אויך אויב עס איז נאָר אַ קליינע קבלה.**

דעם כח פון אַ גוטע קבלה, קען מען זען פון דעם פאָלגענדן עפּיזאָד, וואָס עס האָט אונז דערציילט אַ יונגערמאַן וועמען מיר קענען שוין פון זיינע יונגע יאָרן, אַז ער האָט אַסאַך יאָרן זייער שטאַרק געליטן פון אַ לאָך אין זיינע אויערן, און דאָס האָט איהם פאַרשאַפן ביטערע יסורים ל"ע. צוליב דעם האָט דער דאָקטאָר איהם אויך נישט ערלויבט אַלע יאָרן זיך צו טובל'ען אין אַ מקוה, ווייל דאָס וואַסער איז אַ סכנה פאַר איינעם וואָס האָט אַ לאָך אין די אויערן...

דערציילט דער יונגערמאַן, אַז איין יאָר הושענא רבא איז ער געווען ביי זיין רבי'ן, וועלכער האָט איהם געזאָגט אַז ס'איז שוין געקומען די צייט פאַר איהם אַדורכצוגיין אַן אָפּעראַציע אויף די אויערן. עטליכע עסקנים האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דעם ענין, און זיי האָבן איהם ערלעדיגט אַן 'אַפּאָינטמענט' פאַר אַן אָפּעראַציע, אָבער וואונדער איבער וואונדער: ווען ס'איז געקומען דער באַשטימטער טאָג און דער פּראָפעסאָר האָט איהם נאָך אַמאָל אונטערזוכט, האָט ער געזאָגט אַז אַלעס איז אין אָרדענונג, און אין די אויערן איז נישט פאַרהאַן אַפילו אַ זכר פון אַ לאָך...האָבן זיין משפחה און ידידים זיך געוואונדערט דערויף, ווייל אַלע האָבן געוואוסט אַז ער ליידט שטאַרק פון דעם לאָך אין זיינע אויערן...

צום סוף האָט דער יונגערמאַן זיך דערמאָנט, אַז דעם פאַרגאַנגענעם ראש השנה האָט ער גענומען אויף זיך אַ קבלה **נישט צו רעדן ביים דאַווענען**, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זוכה געווען, אין זכות פון דעם וואָס ער האָט באַשלאָסן צו פאַרמאַכן זיין מויל ביים דאַווענען (נישט צו רעדן אינמיטן דאַווענען), האָט זיך אַנטקעגן דעם, 'פאַרמאַכט' דער לאָך אין זיינע אויערן...

אַמאָל מוצאי יום טוב, האָט הרה"ק רבי משה לייב סאַסובער זי"ע געזאָגט צו זיינע חסידים, וויסן זאָלט איר, אַז דער זעלבער באשעפער וואס האָט געהייסן זאגן '**אתה בחרתנו**', האָט געהייסן זאגן '**אתה חוננתנו**' [דער אויבערשטער טוט אונז נישט פאַרלאָזן, 'אני ה' לא שניתי' - דער באַשעפער איז דער זעלבער, סיי אין די וואָכן-טעג, סיי אין יום טוב...].

אין דעם איז אַריינגערעכנט, אַז אויך אינדערוואָכן, נאָכ'ן מאַכן 'הבדלה' צווישן די קדושה פון די ימים טובים און די ימי המעשה, זאָל מען געדענקען דעם יום טוב וואָס מ'איז ערשט אַריבער, אַז די גאַנצע 'רישומא דקדושה' און די התעלות וואָס מ'האָט געהאַט אין די טעג פונעם יום טוב, זאָל נישט אויסוועפן.

אַזוי זאָגן די ספרים אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט די פרשה פון 'עריות' אין יום כיפור, וואָס לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אָרט האָט די פרשה, וועלכע רעדט וועגן די נידעריגסטע עבירות רח"ל, צו אַזאַ הייליגן טאָג ווי יום כיפור ווען מיר זענען אַלע אַזוי ווי מלאכים. נאָר דאָס קומט לערנען דעם מענטש, אַז **אויב מען וועט האָבן אַ נסיון זאָל ער זיך דערמאָנען פון יום כיפור... דאַן וועט ער נישט זינדיגן...**

**ב.** מיר האָבן שוין דערציילט, מ'האָט אַמאָל געפרעגט אַ קאַרלינער חסיד ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ יום טוב 'בצלא דמהימנותא', פון זיין הייליגן רבי'ן דער 'בית אהרן' זי"ע, ווי אַזוי איז אַריבער דער יום טוב, האָט דער חסיד געענטפערט:

- **דער יום-טוב איז נישט אַריבער... דער יום-טוב איז אַריינגעגאַנגען** (אין די ביינער)...

**ג.** הרה"ק בעל 'פני מנחם' מ'גער זי"ע, האָט געהאַט אַ קבלה, נישט צו רעדן נאָכ'ן לייענען קריאת שמע שעל המטה. אַמאָל ווען ער איז שוין גרייט געווען זיך צו לייגן, און האָט שוין געהאַט געלייענט קריאת שמע, איז געקומען אַ שליח פון זיין ברודער, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, און געזאָגט אַז דער רבי רופט איהם ער זאָל אַריבערקומען. מפני הכבוד, האָט דער 'פני מנחם' נישט געקענט מסרב זיין, און ער איז געקומען צום 'בית ישראל', מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז ער וועט נישט אָנהייבן צו רעדן. דער 'בית ישראל' האָט אָבער גערעדט מיט איהם

און מ'דאַרף וויסן, אַז אַפילו אַ 'קליינינגקייט' האָט אַ גרויס חשיבות אויבן אין הימל, ווי דער 'ייטב פנים' שרייבט (ליל א' דסוכות, אות ה') מיר בעטן, 'ובזכות צאתי מביתי החוצה ודרך מצותיך ארוצה, יחשב לי בזאת כאילו הרחקתי נדוד'. דאַרף מען פאַרשטיין, צי דען פאַרן 'אַרויסגיין' פון אַזאַ קליין הויז קען דער מענטש בעטן אַז עס זאָל איהם גערעכנט ווערן אַזוי ווי ער איז געגאַנגען אין אַ לאַנגען און ווייטן גלות.

**ענטפערט** דער 'ייטב פנים', דער פסוק זאָגט (בראשית כד, א) 'ואברהם זקן בא בימים, וה' ברך את אברהם בכל'. 'בכל', איז משמע אַפילו אַ 'כל דהו' (זעה יומא עד., אַז פון פסוק 'כל חלב' איז מען מרבה אפילו אַ האַלבן שיעור, ווי רש"י זאָגט דאָרט, 'אפילו כל שהוא משמע'), און 'מדה טובה מרובה', אַז אַפילו יעדע קלענסטע תנועה פאַר'ן אויבערשטען מאַכט אַ גרויסן רושם אויבן אין הימל!

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער וואָס מיר זענען מתפלל, 'ובזכות צאתי מביתי החוצה' - אַפילו אַ 'קליינינגקייט' וואָס איך נעם-מיט מיט זיך פון די סוכה, 'יחשב לי בזאת כאלו הרחקתי נדוד', ווייל אין הימל לאָזט עס איבער אַ גרויסן איינדרוק.

ואני הנני מביא - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען

'וימח את כל היקום וגו', וישאר אך נח ואשר אתו בתיבה' (ו, כג). זאָגט רש"י, 'לבד מנח' - אויסער נח. 'ויש אומרים, שאיחר מזונות לארי והכישו' - און עס זענען דאָ וואָס זאָגן, אַז נח האָט פאַרשפעטיגט צו געבן צו עסן פאַר דעם לייב, און צוליב דעם האָט דער לייב איהם געביסן. (דאָס מיינט, דאָס וואָרט 'אך' איז אַ לשון מיעוט. דער פסוק קומט זאָגן, אַז נח אַליין איז פאַרמינערט געוואָרן דורך דעם ביס פונעם לייב).

**דער** אמת איז, אַז צוליב דעם קליינעם שכל פונעם מענטש, זעהט עס אויס אַמאָל אַז די סיבה פאַרוואָס דער לייב האָט געביסן נח'ן איז געווען צוליב זיין הונגער... ווייל ער האָט נאָך נישט געהאַט באַקומען זיין פאָרציע וואָס ער האָט באַקומען יעדן טאָג. עס האָט זיך אין איהם ערוועקט דער הונגער און ער איז געוואָרן בייז אויף נח'ן, פאַרוואָס ער שטעלט נישט צו פאַר איהם זיין 'מאָלצייט', און ער האָט מיט כעס געביסן נח'ן...

**רש"י** זעצט אָבער פאָר, און נאָכ'ן שרייבן אַז נח האָט פאַרשפעטיגט צו געבן דאָס שפייז פאַר לייב און צוליב דעם האָט ער איהם געביסן, ברענגט רש"י דעם

---

וועגן פאַרשידענע ענינים, און בלית ברירה האָט דער 'פני מנחם' (וועלכער האָט דאַן נאָך אַמטירט אַלס ראש ישיבה פון דער ישיבה 'שפת אמת'), געמוזט ענטפערן פאַר'ן 'בית ישראל', אויף זיינע שאלות.

שפעטער, ווען דער 'פני מנחם' איז אָנגעקומען אַהיים, האָט ער זיך שוין נישט געלייגט יענע נאַכט, כדי נישט עובר צו זיין אויף זיין קבלה און עס בטל מאַכן.

דאָס איז אַ ביישפיל פון אַ 'קבלה ביז'ן סוף', אַז אויב דער מענטש נעמט אויף זיך אַ זאַך, זאָל ער עס האַלטן אין יעדן מצב.

אַ סיגעטער חסיד האָט אַמאָל געהאַט אַ 'דין תורה' מיט אַ צווייטן איד, און ביידע האָבן זיך געשטעלט צום דין תורה פאַר'ן סיגעטער רב, הרה"ק בעל 'עצי חיים' זי"ע (ביי וועלכן איינער פון זיי איז געווען אַ מקורב). נאָך דעם ווי דער 'עצי חיים' האָט גוט מעיין געווען אין זייער סכסוך, האָט ער גע'פסק'ענט אַז זיין 'מקורב' איז 'חייב', און ער דאַרף באַצאָלן פאַר זיין בעל דין. דער חסיד האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט פון צאָלן, און האָט אָפּגעשטופּט פון טאָג צו טאָג צו באַצאָלן דאָס געלט, מיט פאַרשידענע אויסריידן. איינמאָל האָט דער 'עצי חיים' איהם גוזאָגט, אַז אַלס זיינס אַ 'ידיד', וויל ער איהם געבן אַן 'עצה טובה', אַז ס'איז כדאי פאַר איהם צו באַצאָלן פאַר זיין בעל דין, און נישט זיך אַרויסדרייען פון צאָלן. האָט דער חסיד געענטפערט:

- דער רבי זאָל מיר גלייבן, אויב דער רבי וואָלט מיך געהייסן שפרינגען פון זעקסטן שטאָק ביז צו דער ערד, וואָלט איך דאָס גערן געטוהן, מיט אַ פריילִיך האַרץ... אָבער דער רבי פאָדערט פון מיר צו שפרינגען פון דער ערד צום זעקסטן שטאָק... דאָס איז אַ זאַך וואָס איך בין בשום אופן נישט אימשטאַנד צו טוהן...

לדידן יאמר, מ'בעט נישט פון אונז צו נעמען אויף זיך, גרויסע און שווערע קבלות וואס מען איז נישט אימשטאַנד צו עס אויספירן. אַ קליינינגקייט, אבער מיט פעסטקייט אַז מ'גייט עס האַלטן אין יעדן מצב.

פסוק (משלי יא, לא) 'הן צדיק בארץ ישולם'. און די כוונה דערפון איז, אַזוי ווי רש"י טייטשט (משלי, דאָרט), 'שהצדיק משתלם שכר העבירה שבידו בעודו על הארץ בחיים' - מ'באַצאָלט פאַר דעם צדיק פאַר די עבירה וואָס ער האָט געטוהן, נאָך ביי זיין לעבן אויף דער וועלט.

**דאָס** מיינט, וויבאַלד ס'איז געווען אַ טענה קעגן נח פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיגט צו געבן פאַר דעם לייב זיין עסן, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער איהם צוריקגעצאָלט אויף דער וועלט, כדי איהם צו רייניגן און לייטערן פון יעדן ברעקל פון אַן עבירה.

**פון** דעם זעהט מען קלאָר, אַז דער לייב האָט נישט געביסן נח'ן פון זיך אַליין, און צוליב אַ נאַטורליכע סיבה ווייל ער איז געווען הונגעריג... נאָר דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט איהם באַפוילן צו בייסן נח'ן, כדי איהם צו באַצאָלן פאַר דעם צער וואָס ער האָט גורם געווען פאַר דעם לייב ווען ער האָט פאַרשפּעטיגט צו געבן איהם זיין עסן[ד].

**דאָס** שטייט נאָך מער אַרויסגעשריבן אין מדרש (מדרש שוחר טוב תהלים לז), אַז אברהם אבינו ע"ה האָט געפרעגט שם בן נח, מיט וועלכן זכות זענט עטס אַרויסגעגאַנגען פון די תיבה, און שם האָט געענטפערט, אין זכות פון די צדקה וואָס מ'האָט געטוהן מיט די בהמות, חיות, און עופות[ה]. האָט אברהם דעמאָלס געזאָגט: געבט נאָר אַ קוק, נח און זיינע קינדער, ווען נישט דאָס וואָס זיי האָבן געטוהן צדקה מיט די בהמות,

**ד.** דער גאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל, ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט געזאָגט אַז ער האָט זיך אייביג געוואונדערט, אין נח'ס תיבה האָבן דאָך געוואוינט (אונטער איין דאַך) אַלע בעלי חיים פון דער וועלט, אין משך פון אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר. אויב אַזוי, ווי אַזוי איז מעגליך אַז דאָרט איז נישט געווען אַ 'וועלט-מלחמה', און זיי האָבן נישט פאַרציקט און גע'הרג'עט איינער דעם אַנדערן... עס זענען דאָך דאָ בעלי חיים, וואָס פון זייער נאַטור האָבן זיי פיינט אַנדערע סאָרטן חיות, און זיי זוכן אייביג זיי צו פאַנגען און פאַרציקן...

דער אמת איז אָבער, אַז די גאַנצע קשיא איז אַ טעות, ווייל די חיות פאַרציקן נישט איינער דעם אַנדערן צוליב דעם ווייל דאָס איז **זייער נאַטור**, נאָר בלויז דערפאַר **ווייל אַזוי וויל דער אויבערשטער**, אַז אין יענע שעה זאָל יענע חיה פאַרציקן די אַנדערע חיה. אויב דער אויבערשטער וויל נישט יעצט אַז זי זאָל איר פאַרציקן, וועט זי עס טאָקע נישט טוהן. און וויבאַלד אין יענע צייט האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז אַלע חיות זאָלן איבערלעבן דעם מבול, פאַר'ן קיום פון דער וועלט, ממילא, **איז נישט איינגעפאַלן פאַר די חיות צו פאַרציקן אַנדערע באַשעפענישן**.

אַזוי שרייבט דער רד"ק ז"ל אויפ'ן פסוק (תהלים קמה, יז) 'צדיק ה' בכל דרכיו'. מיר זעהען אַז בעלי חיים פאַרציקן איינער דעם אַנדערן. צום ביישפּיל, אַ קאַץ פאַרציקט דאָס מייזל און עס איהם אויף. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ יושר איז דאָ דערין? נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער ווייסט אַז ס'איז געקומען די צייט פאַר דעם מייזל צו שטאַרבן, ברענגט ער איהם צו די קאַץ ער זאָל פאַרציקן דאָס מייזל, און אַזוי וועט די קאַץ ווערן זאַט. קומט אויס, אַז **נישט די 'קאַץ' האָט גע'הרג'עט דאָס מייזל**, נאָר ער איז געשטאָרבן ווייל עס האָט זיך געענדיגט זיינע יאָרן, און דער אויבערשטער וואָס ער פירט די וועלט, ברענגט איהם צו די קאַץ, וויבאַלד ס'איז שוין ממילא נגזר געוואָרן אויפ'ן מייזל צו שטאַרבן, איז בעסער אַז דאָס זאָל פּאַסירן דורך די קאַץ, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו עסן.

**ה.** על אחת כמה וכמה, **אויב מיט'ן טוהן צדקה וחסד מיט 'בהמות' טוט עס ראטעווען פון א מבול, וויפיל מער קען א מענטש זוכה זיין, מיט כל מיני ישועות, ווען עט טוט חסד און העלפט אנדערע אידן.**

אויף שבת בראשית שנת תשע"ט, האָבן עטליכע אידן 'מזכי הרבים' אין דער רמות געגנט פון ירושלים איינגעאָרדענט אַ 'שבת התחזקות' פאַר די איינוואוינער פון דער געגנט, און פאַר דעם צוועק האָבן זיי איינגעלאַדנט אַ חשוב'ן רב (וועמען מיר קענען פון דער נאָענט) צו קומען אויף שבת, און אין משך פון שבת אָנצוואַרימען די הערצער פון די אידן לה' ולתורתו. ס'איז געווען 'שבת בראשית', און פרייטאָג האָבן די עסקנים זיך געכאַפּט אַז מ'האָט נישט צוגעגרייט אַ געהעריגע 'אכסניא' פאַר דעם רב און זיין משפחה... זיי האָבן זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. בלית ברירה, האָבן זיי זיך געוואַנדן צו אַ יונגערמאַן, און איהם געבעטן ער זאָל מיט זיין גוטהאַרציגקייט מסכים זיין איבערצוגעבן זיין הויז פאַר דעם רב און זיין משפחה.

חיות און עופות, וואָלטן זיי קיינמאָל נישט אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, און ווייל ער האָט פאַרשפּעטיגט צו געבן די שפּייז פאַר דעם לייב האָט ער באַקומען זיין שטראָף און איז געביסן געוואָרן.

**פון** דעם לערנט מען, אַז דער לייב בייסט נישט פון זיך אַליין, אויב דער אויבערשטער האָט איהם נישט באַפוילן צו בייסן, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ברכות לג.) 'אין ערוד ממית' - נישט דער שלאַנג הרג'עט, נאָר אַלעס פּאַסירט לויט דעם רצון פון דעם אויבערשטען.

**דאָס** זעלבע קען מען זאָגן לגבי די 'חיות וואָס גייען אויף צוויי פיס'... די פאַרשאָלטענע רשעים ימח שמם, די שונאי ישראל, וועלכע זוכן כסדר שלעכטס צו טוהן פאַר אידישע קינדער, קיינער פון זיי הרג'ענען נישט און שעדיגן נישט פון זיך אַליין, נאָר ווייל אַזוי איז נגזר געוואָרן פון הימל!

**ממילא,** דאַרף דער מענטש נאָר איינוואָרצלען אין זיך און אין זיינע בני בית די ריינע אמונה אין דעם אויבערשטען, אַז ער טוט אַלעס, און

---

לכתחילה, האָט דער יונגערמאַן זייער נישט געהאַט חשק דערצו, סיי צוליב דעם וואָס יעדער מענטש וויל זיך דאָך געפינען במנוחה ביי זיך אינדערהיים - 'תחת גפנו ותחת תאנתו'... באַזונדערס ווען אַלע צרכי שבת זענען שוין געווען גרייט - 'להתענג בתענוגים'... און דערצו איז עס געווען אַ נייע דירה, וואו זיי האָבן אַריינגעלייגט אַסאַך געלט און כח אַז עס זאָל זיין בתכלית השלימות, און זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין יענע דירה קוים אַ חודש פריער, אויף ראש השנה. די טבע פונעם מענטשן איז, אַז זיי האָבן נישט קיין חשק אַוועקצוגעבן אַ שיינע נייע דירה פאַר אַנדערע מענטשן, צוליב דעם חשש אַז זיי וועלן עס נישט האַלטן ווי געהעריג.

נאָכ'ן אַריינטראַכטן אַ קורצע צייט, האָט ער זיך אָבער באַרעכנט, און ער האָט געזאָגט פאַר זיינע בני בית, שוין צען יאָר וואַרטן מיר אויף קינדער, און מיר האָבן שוין געטוהן אַלע סאָרטן השתדלות'ן, אָבער די דאָקטוירים זענען הילפסלאָז. לאָמיר אַלזאָ אַריינעמען געסט אין אונזער היים, און אפשר וועט אט דער זכות אונז ביישטיין געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער...

געזאָגט און געטוהן. דאָס פּאָרפאָלק האָט אַוועקגעשאַנקען זייער דירה פאַר דעם רב און זיין משפחה אויפ'ן גאַנצן שבת, און **יענעם יאָר, זומער שנת תשע"ט, האָט דער יונגערמאַן זוכה געווען אַריינצוברענגען זיין זון בבריתו של אברהם אבינו ע"ה.**

**ו.** הגה"צ רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי זצ"ל, האָט אין די יאָרן פון דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה, זיך געפונען בתוך הגולים אין קאָוונער געטאָ. אין אַ טאָג האָט רבי מרדכי באַגעגנט אויפ'ן גאַס אַ פּאָר אידן וועלכע זענען ליידער געווען גאָר צובראָכן פון די שרעקליכע צרות און ליידן. ווען רבי מרדכי האָט זיי געפרעגט פאַרוואָס זיי זענען צוגעלייגט, האָבן זיי געענטפערט, צי ווייסן דען נישט דער רבי אין וועלכן מצב מיר געפינען זיך... האָט רבי מרדכי געענטפערט:

- איך וועל אייך פרעגן צוויי שאלות, און איר וועט מיר מודה זיין אויףביידע שאלות. דאָ נישט ווייט פון אונז, שטייט איינע פון די רשעים. איז ריכטיג אַז ער וויל הרג'ענען אידן?

האָבן די צוויי אידן געענטפערט, אַוודאי, דאָס איז דאָך זיין גרעסטע תאווה. האָט ער זיי ווייטער געפרעגט: און אויב ער וועט ערפילן זיין תאווה און הרג'ענען אַ פּאָר אידן, אָן קיין שום 'באַפעל', וועט איינער איהם באַשולדיגן דערין און איהם פאַראורטיילן צו אַ שטראָף?

האָבן די צוויי אידן געענטפערט, ניין. האָט רבי מרדכי זיי ווייטער געזאָגט:

- אויב אַזוי, זאָגט מיר, פאַרוואָס טוט ער נישט טאַקע וואָס זיין האַרץ גליסט, צו פאַרגיסן בלוט אַזוי ווי וואַסער? ער האָט דאָך אַ באַגער דערצו, און קיין 'מורא מלכות' האָט ער אַוודאי נישט.

און רבי מרדכי זצ"ל איז אַריין אין אַ התלהבות, און געזאָגט: **'מוז מען דאָך על כרחך זאָגן, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אונז, און ער כביכול זאָגט פאַר דעם רשע, ניין, ניין, הרג'ע נישט... ממילא, קען ער גאָרנישט טוהן. אויב אַזוי, ווען ער הרג'עט שוין יאָ, איז דאָך דאָס נאָר דערפאַר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געטוהן. עס האָט נישט קיין שייכות מיט דעם סאָלדאַט. נישט דער סאָלדאַט הרג'עט, נאָר ער איז אַ שליח פון דעם אויבערשטען ברוך הוא'.**

אָננעמען אַלעם וואָס פּאַסירט מיט'ן מענטש מיט אַ שטאַרקע אמונה.

**אַזוי** האָט געזאָגט דוד המלך ע"ה (תהלים לא, טז) 'בידך עתותי'. זאָגט רש"י, די צייטן וואָס גייען אַריבער אויף מיר זענען אויף דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען. [ענליך שרייבט אויך דער 'מצודות דוד', אַז אַלע צייטן וואָס זענען אויף מיר אַריבער, סיי די צייטן צום גוטן און סיי די צייטן צום שלעכטן ח"ו, איז דאָך אַלעם געמאַכט געוואָרן אויף דיין באַפעל'].

**דאָס** וואָרט 'עתתי' איז ר"ת ת'מים ת'היה ע'ם ה'. דאָס קומט אונז לערנען, אַז אויך דעמאָלס ווען דער אויבערשטער טוישט די 'צייטן' - 'משנה את העתים ומחליף את הזמנים' - און עס זעהט אויס אַז דער מצב טויג נישט ח"ו, דאַרף מען אויך דעמאָלס געדענקען אַז 'בידך עתותי' - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. מ'דאַרף נאָר גיין נאָך דעם אויבערשטען מיט תמימות און מיט אמונה'.

**ובאת אל התיבה - מיט דיין תפילה ביסטו משפיע אַלע השפעות אויף דיין גאַנצע שטוב**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (ו, יח) 'ובאת אל התיבה אתה ובניך ואשתך ונשי בניך אתך', זאָגט דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע ('תורת המגיד',

---

די צוויי אידן האָבן בחסדי שמים זוכה געווען איבערצולעבן די מלחמה, און האָבן שפּעטער געזאָגט, אַז די דאָזיגע ווערטער פון רבי מרדכי האָבן זיי באַגלייט אין יעדן זמן. פון דאַן און ווייטער, האָבן זיי מער נישט געזעהן קיין סאָלדאַטן און אלעס ארום. זיי האָבן נאָר געזעהן ווי דער אויבערשטער שטייט ביי זייער זייט, און ער באַשליסט פאַר זיי יעדע סעקונדע וואָס עס זאָל פּאַסירן מיט זיי.

הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע איז אויף דער עלטער געווען שוואַך אין געזונט, און דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, איז געקומען איהם באַזוכן. האָט רבי מאָטיל סלאָנימער געזאָגט, חז"ל זאָגן (זעה ברכות דף ס.) 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה', און די גמרא לערנט עס אַרויס פון דעם פסוק 'כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא'.

האָט רבי מאָטיל סלאָנימער געזאָגט, אַז אויפ'ן זעלבן אופן קען מען זאָגן, זאָגט דער פסוק, 'צרה ויגון אמצא ובשם ה' אקרא'. מיר זעהען דעם ענין פון דאַנקען דעם אויבערשטען - **'ובשם ה' אקרא'** - סיי ביי **'כוס ישועות אשא'**, און סיי ביי **'צרה ויגון אמצא'** ח"ו, ווייל **מ'דאַרף דאַנקען דעם אויבערשטען אין יעדן מצב, סיי ווען דער אויבערשטער פירט זיך מיט'ן מענטש אין אַ מצב פון 'כוס ישועות אשא', און סיי אין אַ הנהגה פון 'צרה ויגון אמצא', אייביג 'בשם ה' אקרא'.**

איי, וועט דער מענטש פרעגן, ווי אַזוי קען מען מקיים זיין אין ביידע מצבים, 'ובשם ה' אקרא'? איז דער תירוץ, פונעם סדר הפסוקים: ס'איז דאָך דאָ אַ חילוק צווישן די צוויי זאַכן, 'כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא', שטייט אין איין פסוק (פסוק יג), און 'צרה ויגון אמצא, ובשם ה' אקרא', שטייט אין די צוויי דערנעבנדיגע פסוקים (שם פסוק ג', און דער אָנהייב פון פסוק ד'). דאָס הייסט, אַז כדי מ'זאָל קענען דאַנקען און רופן דעם אויבערשטען אויך אין אַ מצב פון 'צרה ויגון אמצא' ח"ו, **דאַרף מען מאַכן אַ הפסק**, און אַן 'אתנחתא' - **דער מענטש זאָל זיך באַרעכענען און מתבונן זיין אַז 'מאת ה' היתה זאת' - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען**, און דאַן קען ער מקיים זיין 'ובשם ה' אקרא' - בשמחה.

**ז. אין זכות פון אָננעמען די הנהגה פון דעם אויבערשטען מיט די גאַנצע אמונה, ווערט מען געראַטעוועט פון אַלעם בייזן**, ווי הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געטייטשט ('תורת אבות', תורה ותפלה, אות מא), די ווערטער פון חז"ל (שבת קיט:) 'כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כוחו, קורעין לו גזר דינו'. 'כחו' איז מרמז אויף די 28 צייטן וואָס ווערן דערמאָנט אין ספר קהלת (קאַפּיטל ג'), וואָס פון זיי זענען 14 צייטן צום גוטן, און 14 זענען צום שלעכטן. דער מענטש וואָס ענטפערט 'אמן יהא שמיה רבא מברך' אין יעדער צייט ('בכל כחו'), און אויף אַלעם וואָס גייט אַריבער אויף איהם, נעמט ער אָן די הנהגה פון דעם אויבערשטען און ער בענטשט איהם ('מברך'), איז ער זוכה אַז מ'זאָל צערייסן פאַר איהם זיין גזר דין צום גוטן.

דער גרויסער שכר פון דעם מענטש וואָס נעמט אָן דעם דין שמים מיט ליבשאַפט, קען מען זעהן פון די מורא'דיגע מעשה וואָס עס דערציילט הרה"ג רבי נפתלי זילבערצווייג שליט"א, וועגן אַ פרוי וואָס האָט מיטגעמאַכט

די ביטערע יאָרן פון דער צווייטער וועלט מלחמה אין אוישוויץ, וואו זי האָט געליטן אומבאַשרייבליכע צרות און יסורים רח"ל. די דייטשע נאַציס ימ"ש האָבן אַדורכגעפירט אויף איר פאַרשידענע 'פּראָבעס' רח"ל, און נאָכ'ן חורבן האָט זי אויפגעבויט איר היים אין דער פראַנצויזישער שטאָט 'באי', אָבער ליידער, האָט זי נישט זוכה געווען צו קינדער אַ היבשע צייט נאָך דער חתונה.

אין אַ געוויסן פרייטאָג, האָט זי צוגעגרייט די שבת'דיגע מאכלים, און איז אַרויס אין גאַס איינקויפן, איבערלאָזנדיג דעם טאָפּ אויפ'ן פייער, כדי דער מאכל זאָל זיך גוט אָפּקאָכן. אינצווישן האָט דער פייער זיך אָנגעכאַפּט אין אַ האָלצערנע שאַנק וואָז איז געווען אין קוך. ביז אַ קורצע צייט, האָט דער פייער זיך פאַרשפּרייט, און כמעט דאָס גאַנצע הויז איז אַרויף אין פלאַמען.

די שכנים האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי די צובראָכענע פרוי וועט זיך קענען אויסהאַלטן אַזאַ גרויסן שאָדן. דאָ האָט זי קוים באַוויזן צוריק אויפצובויען אַביסל איר 'חרוב' לעבן, און דאָ איז צוגעקומען נאָך אַ בראָך. זענען זיי געגאַנגען אין אַ בהלה, צום הויז פון הגה"צ רבי מרדכי פּאָגראַמאַנסקי זצ"ל (וועלכער האָט געוואוינט נישט ווייט פון דאָרט), און איהם געפרעגט אַן עצה, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט די צובראָכענע פרוי, וועלכע ווייסט נישט אַז איר הויז און איר גאַנצע וועלט איז מיט איינמאָל חרוב געוואָרן.

האָט רבי מרדכי זיך פאַרטראַכט, און דאַן האָט ער געזאָגט, מ'זאָל וואַרטן נעבן איר הויז, און איידער זי וועט אַהיים קומען, זאָל מען איר דערציילן אַז איר גאַנץ הויז איז אַרויף אין פלאַמען, אָבער מ'זאָל צוגעבן, **אַז אויב זי וועט אָננעמען די יסורים מיט ליבשאַפט און מיט שמחה, און זי וועט נישט אַרויסלאָזן אַפילו אַ קרעכץ פון מויל - בין איך** (רבי מרדכי) **איר מבטיח, אַז זי וועט זוכה זיין צו קינדער למעלה מדרך הטבע!**

די שכנים האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דעם הויז און געוואַרט ביז זי וועט צוריקקומען, און מ'האָט איר איבערגעגעבן רבי מרדכי'ס ווערטער. האָט זי געהערט, און מיט אומנאַטורליכע גייסטישע כוחות האָט זי אָנגענומען זיינע ווערטער, און האָט אַפילו נישט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

רבי נפתלי זילבערצווייג האָט אויסגעפירט: איך בין דער זון וואָס איז ביי איר געבוירן געוואָרן... צום יאָר נאָך די שריפה איז ביי מיין מאַמע געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, און דערנאָך אַ צווייטע טאָכטער. איך בין איר דריטער קינד...

דער גאון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד זצ"ל אב"ד ירושלים, האָט ליידער געליטן פון פאַרשידענע אומגליקן רח"ל פאַרלירנדיג עטליכע קינדער ל"ע ביי זיין לעבן. טראָץ דעם ווייטאָג, איז ער שטענדיג געווען בשמחה. אַמאָל האָט עמיצער איהם געפרעגט, 'ילמדינו רבינו'... פון וואו נעמט דער רב אַזעלכע שטאַרקע כוחות הנפש זיך צו קענען האַלטן, און דערצו נאָך צו זיין בשמחה... האָט רבי יוסף געענטפערט:

- ווען עס פאַסירט אַן ערד ציטערניש ח"ו, קען מען זעהן וואו יעדער לויפט וואו זיי קענען נאָר. איז דאָך לכאורה אומפאַרשטענדליך, וואָס האָסטו צו לויפן דאָ אָדער דאָרט? פון וואו ווייסטו אַז 'דאָרט' וועט די ערד נישט ציטערן?... נאָר די ריכטיגע עצה איז צוצובינדן זיך מיט אַ שטריק 'אויבן', און דורך דעם וועט ער נישט פאַלן און ער קען זיך האַלטן פעסט...

אַמאָל איז געקומען קיין ראָפּשיץ אַ מענטש, וועלכער איז געווען גאָר ערפאַרן אין דעם ענין פון מאַכן 'אחיזת עינים', מיט פאַרשידענע חכמות. ער פלעגט, צום ביישפּיל, שפּרינגען פון אַ דריי-שטאָקיגן דאַך צו דער ערד, און ער איז נישט געשעדיגט געוואָרן אַפילו אויפ'ן שפּיץ פינגער... האָט דער ראָפּשיצער רב איהם געפרעגט, ווי אַזוי באַוויזטו אַזעלכע קונצן? האָט יענער איהם געוויזן אַ דינעם אייזערנעם שטאַנג וואָס איז צוגעבונדן פון אויבן ביז אַראָפּ, און כאַטש עס דאַכט זיך פאַר אַלעמען אַז ער 'שפּרינגט' פון אויבן צו דער ערד, ממש 'מאיגרא רמא לבירא עמיקתא', אָבער באמת טוט ער זיך פעסט אָנהאַלטן אין דעם דינעם אייזן, אַזוי אַז דאָ איז בכלל נישט געווען קיין 'אַראָפּפאַלן'...

פון דעם האָט דער ראָפּשיצער רב זי"ע זיך אַרויסגעלערנט, אַז **דער מענטש וואָס איז 'צוגעבונדן' און באַהאָפטן אויבן** (אין הימל), **מיט אַ פעסטע אמונה, ווערט נישט געשעדיגט אַפילו פון די גרעסטע 'נפילה' - נישט ברוחניות, און נישט בגשמיות. ער פאַרלירט קיינמאָל נישט זיין שמחת החיים אויף דער וועלט.**

דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל ווען ער איז געפאָרן פון בני ברק קיין ירושלים צו דער טשעבינער ישיבה וואו ער האָט געדינט אַלס איינע פון די ראשי הישיבה, איז זיין האַנט-זייגער אַראָפּגעפאַלן

פ' נח), אַז דער גאַנצער מהות פונעם מענטש איז אָנגעוויזן אויף תפילה, ווייל 'תיבה' איז דאָך מרמז אויף די ווערטער פון תפילה, און דער פסוק זאָגט אונז, 'ובאת אל התיבה', זעה אַריינצוקומען מיט אַלע כוחות און מיט די גאַנצע כוונה אין דעם וואָרט פון תפילה וואָס דו דאַווענסט צום באַשעפער[ח], מיט די פולע ידיעה אַז

---

אינמיטן וועג. רבי אברהם האָט אויפגעהויבן דעם זייגער פון דער ערד, און געזעהן אַז עס האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. עס איז געבליבן שטיין ביי דער צייט וואו עס האָט געהאַלטן פריהער. איז רבי אברהם צוגעגאַנגען צו אַ זייגער-מאַכער, וועלכער האָט נאָכן באַקוקן דעם זייגער געזאָגט, אַז די 'באַטעריע' האָט שוין 'אָפּגעדינט', און ער האָט באַלד מקיים געווען 'וישן מפני חדש תוציאו', און אַריינגעלייגט אַ נייע באַטעריע, אַזוי אַז דער זייגער איז 'אויפגעשטאַנען', מיט אַ 'תחיית המתים'...

האָט רבי אברהם גניחובסקי זיך געוואונדערט: ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט אַז די באַטעריע איז 'געשטאָרבן' פונקט ווען ס'איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד... האָט דער זייגער-מאַכער איהם געענטפערט, ריכטיג, די באַטעריע האָט שוין כמעט נישט געהאַט קיין 'חיות', נאָר אַזוי לאַנג ווי דער זייגער איז געלעגן אויף אייער האַנט, האָט עס נאָך געאַרבעט, אָבער אין דער מינוט ווען דער זייגער האָט געהאַט אַ 'נפילה', און עס האָט באַקומען אַ קלאַפּ, איז עס שוין מער נישט געווען בכח צוריקצוקומען צו איר פריערדיגן מצב.

ווען רבי אברהם גניחובסקי איז אָנגעקומען אין ישיבה, האָט ער געזאָגט פאַר די בחורים, אַז יעצט אונטערוועגנס האָט ער געלערנט אַ 'וויכטיגן שיעור'... און ער האָט זיי דערציילט די מעשה מיט'ן זייגער. דאַן האָט ער אויסגעפירט מיט אַ מוסר השכל, אַז פון דעם לערנען מיר, אַז אויך איינער וואָס איז נישט אַזוי 'אָנגעלאָדנט' מיט אמונה, אָבער אַזוי לאַנג ווי ער 'פאַלט' נישט ח"ו, וועט איהם גאָרנישט פּאַסירן... פון דער צווייטער זייט לערנען מיר אויך, אַז דער מענטש וואָס איז יאָ 'אָנגעלאָדנט' מיט אמונה, עס איז גוט איינגעוואָרצלט ביי איהם אין האַרץ, איז אפילו אויב ער וועט האָבן אַ 'נפילה' וועט איהם גאָרנישט פּאַסירן...

דאָס לערנט אונז, אַז מיר דאַרפן זיך אייביג היטן און דערווייטערן פון אַריינפאַלן אין אַ 'נפילה' פונעם גייסט, און כסדר 'אָנפילן' די 'באַטעריע' פון אמונה... אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, "כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם'.

**ח.** מ'דאַרף אָבער זעהן טאַקע 'אַריינצוגיין' אין דעם 'וואָרט' פון תפילה, פון טיפן האַרץ און מיט די געהעריגע כוונה, נישט 'כמצוות אנשים מלומדה', ווי רבינו עובדיה מברטנורא שרייבט (אין זיין ספר 'עמר נקא') אויף די ווערטער פון רש"י (שמות יד, י) ויצעקו בני ישראל אל ה', **'תפסו אומנות אבותם'**. זאָגט דער ברטנורא, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה, די גאַנצע תפילה פון די אידן ווען זיי שרייען יעצט צו מיר ביים ים, איז דאָך נאָר צוליב 'מנהג אבותיהם בידיהם', און נישט מיט'ן האַרץ, זיי דאַווענען נישט מכח די הכרה און ידיעה אַז זיי האָבן נישט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן נאָר אויף דעם באַשעפער. דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג פון תפילה.

די צורה פון אַ ריכטיגע תפילה דאַרף זיין, אַזוי ווי עס האָט דערציילט דער רב פון יאַנאָווע, הגאון רבי אברהם אבא קאָסאָווסקי זצ"ל, אַז ער איז געווען צוזאַמען מיטן הייליגן 'חפץ חיים' זי"ע אין די שווערע צייטן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען צענדליגער טויזנטער אידן זענען ליידער געגומען געוואָרן אין דער אַרמיי און זענען געשיקט געוואָרן אויף די פראָנטן, און זייערע משפחות האָבן במשך פון יאָרן נישט געהערט פון זיי קיין שום ידיעה. זענען זייערע פרויען געקומען מיט האַרצרייסנדע געוויינען צו בעטן ברכות פונעם 'חפץ חיים', אַז די מענער זאָלן אַהיימגעקומען געזונט, בשלום פונעם פראָנט. האָט דער 'חפץ חיים' מיטגעוויינט מיט זיי און זיי געזאָגט, וואָס ווילט איר פון מיר: גייט אַרויף אין שול, עפענט דעם ארון הקודש און גיסט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר דעם אויבערשטען, וועלכער קוקט אַרויס אויף זייערע תפילות, און ער פאַרלאַנגט אַז מ'זאָל איהם מפציר זיין, און נישט נאָכלאָזן.

האָבן די פרויען געפרעגט אין זייער פאַרלעגנהייט, וועלכע תפילה זיי זאָלן בעטן, ווייל די תפילות וואס זיי זענען געוואוינט צו זאָגן, זענען בלויז 'תחינות' וועלכע שטייען געדרוקט, ווי ביי לעכט-צינדן און מוצאי שבת וכדומה... האָט דער 'חפץ חיים' זיי געזאָגט:

- **מ'דאַרף נישט זאָגן קיין ספּעציעלע 'תחינות'. ס'איז גענוג צו זאָגן וואָס עס דריקט אויפ'ן האַרצן.** ווען אַ קינד איז דורשטיג אָדער הונגעריג, קוקט ער נישט אינעם סידור אָדער אין דעם 'ספר התחינות'. ער וויינט מיט זיינע אייגענע ווערטער. אַזוי דאַרפן מיר אויך טוהן: 'כגמול עלי אמו' (תהלים קלא, ב). **מ'דאַרף נישט זוכן 'נוסחאות'. מ'גיט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר אונזער דערבאַרימדיגן טאַטן אין הימל.**

'אתה ובניך ואשתך ונשי בניך' - זיי אַלע געפינען זיך יעצט מיט דיר, ווייל מיט'ן כח פון דיין תפילה קענסטו משפיע זיין אויף זיי לעבן און ברכה, און דעריבער זאָל דער מענטש מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ און דער אויבערשטער וועט ערפילן אַלע בקשות[ט].

**דעם** גרויסן כח פון תפילה, קען מען זעהן אין דער היינטיגער פרשה, ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק (ח, א) 'ויזכור אלוקים את נח', זאָגט רש"י, אַז דער שם ('אלקים') איז דער שם פון מדת הדין, און עס איז געוואָרן איבערגעדרייט צו די מדה פון רחמים, דורך די תפילה פון די צדיקים.

**דער** אמת איז, אַז נישט נאָר די צדיקים קענען איבערדרייען דין צו רחמים מיט זייערע תפילות, נאָר יעדער איד האָט דעם כח דערצו', אַזוי ווי דער 'רבינו בחיי' ז"ל שרייבט אין זיין ספר 'כד הקמח' (ביים אָנהייב פון ערך תפילה), 'יפה כח התפילה לבטל הנגזר'. תפילה האָט אַ גרויסן כח בטל צו מאַכן די גזירה[א].

---

**ט.** דער פאָניעוועזשער רב, הגאון רבי יוסף שלמה כהנמאַן זצ"ל, האָט געזאָגט אין אַ דרשה וואָס ער האָט געהאַלט אין לעצטן יאָר פון דער צווייטער וועלט מלחמה (שנת תש"ה), אַז מיר געפינען ביי דעם 'ברית בין הבתרים' (בראשית טו, יב-יג) 'ותרדמה נפלה על אברם והנה אימה חשיכה גדולה נופלת עליו, ויאמר לאברם ידוע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה'. איז לכאורה אַ גרויסער וואונדער אויף אברהם אבינו ע"ה, ווי אַזוי האָט ער געקענט ביים זעהן אַזעלכע מראות, די גזירה פון אַלע גלות'ן אויף אידישע קינדער, 'דם ואש ותמרות עשן' רח"ל, און ווייטער שלאָפן רואיג ('ותרדמה נפלה') [און ווי דער תרגום ירושלמי זאָגט 'שישן שינה עמוקה' - אברהם איז געשלאָפן אַ טיפן שלאָף]?

מוז מען בעל כרחך זאָגן, אַז **דאָס אַלעס איז אַ חלק פון די גזירה, אַז אין דער גאַנצער פינצטערניש וועלן זיי ווייטער פאַרזעצן צו שלאָפן גלייך ווי גאָרנישט האָט פאַסירט... און זיי וועלן נישט אויפרודערן 'עולם ומלואה' מיט תפילות און תחנונים צו צערייסן די גזירה.**

**י.** אַזוי ברענגט דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, אין נאָמען פון הייליגן 'קדושת לוי' זי"ע, אויף די ווערטער פון מדרש (ב"ר פל"ב, ו), וואָס רש"י ברענגט אויך אין דער היינטיגער סדרה (ז, ז) אַז נח איז געווען אַ 'מאמין ואינו מאמין' - ער האָט געגלייבט, און ער האָט נישט געגלייבט. האָט דער באַרדיטשעווער רב זי"ע געזאָגט, אַז נח האָט געגלייבט אין דעם אויבערשטען, אָבער **ער האָט 'נישט געגלייבט' אין זיך אַליין, אַז ער איז בכח בטל צו מאַכן די גזירה.**

און דער 'דברי שמואל' איז מוסיף דערצו, אַז באמת האָט אַזאַ געדאַנק אַ חסרון אויך אין די אמונה וואָס מ'האָט אין דעם אויבערשטען, ווייל די גרויסקייט פון דעם אויבערשטען ברוך הוא איז דאָך אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף, און באמת, איז אויך די עבודה פון די צדיקים, און אפילו פון די הייליגע אבות, האָט נישט קיין שאַצונג אויף די גרויסקייט פונעם באַשעפער, נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער נעמט אָן מיט ליבשאַפט זייערע תפילות. ער איז אַ 'משוה קטן וגדול', און **ער נעמט אָן אויך די תפילה פון יעדן פשוט'ן איד.**

דער 'דברי שמואל' פירט אויס: 'ומכח אמונה זו יכול כל יהודי להפוך ולבטל גזירות בתפילתו' - **מיט'ן כח פון אַזאַ אמונה, קען יעדער איד איבערדרייען און בטל מאַכן גזירות מיט זיין תפילה.**

**יא.** וועגן דעם כח פון תפילה געפינען מיר אַ מורא'דיגע זאַך, די גמרא זאָגט (כתובות קד.) אַז אין לעצטן טאָג פונעם לעבן פון רבינו הקדוש אויף דער וועלט, האָבן די חכמים גוזר תענית געווען און אַלע אידן האָבן געדאַווענט צום באַשעפער, און מ'האָט אויסגערופן, אַז יעדער וואָס וועט זאָגן אַז רבי איז שוין נסתלק געוואָרן, זאָל געשטאָכן ווערן מיט אַ שווערד. איז לכאורה שווער, וואָס איז אַזוי גרויס דער חטא צו זאָגן אַז רבי איז נסתלק געוואָרן, אויף אַזוי ווייט אַז ער פאַרדינט געשטאָכן צו ווערן חלילה מיט אַ שווערד...

ענטפערט דער 'שיטה מקובצת' (אין נאָמען פון רש"י, מהדורא קמא), אַז די חכמים האָבן געוואוסט וועגן דעם גרויסן כח פון תפילה אַז עס איז בכח אַפילו מחיה מתים צו זיין, וועגן דעם האָט מען געוואָלט אַז אידישע קינדער זאָל מתפלל זיין אַז רבינו הקדוש זאָל בלייבן לעבן, און **די תפילה וועט פועל'ן איהם איבערצולאָזן אויף דער וועלט אַפילו אויב ס'איז שוין חלילה געווען יציאת נשמה**, נאָר מ'האָט דאָך מורא געהאַט אַז אויב עס וועט באַקאַנט ווערן אַז ס'איז שוין 'לאחר המעשה' וועט מען מער נישט דאַווענען, דעריבער האָט מען אויסגערופן אַז יעדער איינער וואָס

**אַזוי** זאָגט רש"י אויף'ן פסוק (איכה ג, נד-נה) 'צפו מים על ראשי אמרתי נגזרתי, קראתי שמך ה' מבור תחתיות', אַז ווען דער מענטש קומט אין וואַסער ביז זיינע אַקסלען, האָט ער נאָך אַ האָפענונג, אָבער אויב דאָס וואַסער איז שוין אַרויפגעשוואומען אויף זיין קאָפּ, זאָגט ער, איך האָב שוין חלילה פאַרלוירן יעדע האָפענונג, אָבער איך - דער נביא ירמיה - טוה נישט אַזוי, נאָר 'קראתי שמך ה'' - איך האָב גערופן דיין נאָמען, און מתפלל געווען צו דיר, אויך פונעם 'בור תחתיות'.

**זעהען** מיר פון די ווערטער פון רש"י, אַז אפילו אויב דער מענטש האַלט שוין חלילה ביי אַ מצב פון 'באו מים עד נפש', עס 'שווימט וואַסער' העכער זיין קאָפּ אַזוי אַז מיט'ן דרך הטבע איז ח"ו נישט דאָ מער קיין וועג פאַר זיין ישועה, זאָל ער נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר ער זאָל מתפלל זיין מיט שטאַרקייט צום באַשעפער, און ער וועט איהם ראַטעווען פון אַלע זיינע שוועריגקייטן.

**בעיני ה' - ווען מ'היט זיך די אויגן איז מען זוכה אַז מ'קען זעהן הימל'ישע מראות**

**עס** שטייט אין ספה"ק 'בית אברהם' (פרשת בראשית, ד"ה 'ויראו'), אַז דער פגם פונעם דור המבול האָט זיך אָנגעהויבן ווען זיי האָבן נישט געהיטן זייערע אויגן, נישט צו קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (לעיל ו, ב) 'ויראו' וגו'[יב], אָבער ביי נח שטייט (שם פסוק ח) 'ונח מצא חן בעיני ה'', ווייל ער האָט מתקן געווען דעם דאָזיגן פגם. אויף דעם זאָגט דער פסוק: בעיני ה' - נח האָט געהייליגט זיינע אויגן, צו נוצן זיי נאָר פאַר עבודת הבורא ברוך הוא.

**מ'קען** עס בעסער ערקלערן, ווייל אויפ'ן דערמאנטן פסוק 'ונח מצא חן בעיני ה'', שרייבט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (דאָרט), אַז מ'קען נישט זאָגן אַז נח איז געראַטעוועט געוואָרן פונעם מבול ווייל ער איז געווען אַ צדיק און האָט נישט געזינדיגט, ווייל אויב יאָ, וואָלטן אויך די קליינע קינדער אין יענעם דור, וועלכע זענען נאָך נישט אַריינגעקומען אין כלל פון 'עונשין' (געשטראָפט צו ווערן), געדאַרפט געראַטעוועט ווערן פונעם מבול, נאָר מוז מען זאָגן, אַז דער אויבערשטער האָט געברענגט דעם מבול ווייל ער האָט חרטה געהאַט כביכול אויפ'ן עצם באַשאַפן דעם מענטש און די גאַנצע וועלט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (לעיל ו, ז) 'אמחה את האדם וגו' כי נחמתי כי עשיתים'.

**איי**, קען מען זיך וואונדערן, אויב אַזוי, פאַרוואָס איז נח יאָ געראַטעוועט געוואָרן און האָט איבערגעלעבט דעם מבול? איז דער תירוץ דערויף: ונח מצא חן בעיני ה'. מ'קען אבער אויך נישט זאָגן אַז ער איז נישט געווען אַ צדיק און דעריבער האָט ער זיך געניטיגט אין חן כדי געראַטעוועט צו ווערן פונעם מבול, ווייל

---

זאָגט אַז רבי איז נסתלק געוואָרן זאָל געשטאָכן ווערן מיט אַ שווערד ח"ו, און ממילא וועט מען מתפלל זיין אָן אויפהער זייענדיג זיכער אַז רבי לעבט, און מיט זייער תפילה וועלן זיי פועל'ן אַז רבי זאָל טאַקע ווייטער זיין אַזוי ווי ער לעבט נאָך אויף דער וועלט.

**יב.** דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע שרייבט (לעיל ו, ג) אויפ'ן פסוק 'ויאמר ה' לא ידון רוחי באדם', אַז ביז דעם דור המבול, האָט דער אויבערשטער געזאָגט שאַרפע מוסר פאַר די באַשעפענישן ווען ער האָט גערעדט מיט זיי, ווי צום ביישפיל (בראשית ג, יד) 'ויאמר ה' אל הנחש' - דער אויבערשטער האָט געשטראָפט דעם 'נחש הקדמוני' מיט מוסר. אויך געפינען מיר (שם פסוק טז) 'אל האשה אמר', און דערנאָך 'ולאדם אמר', און אַזוי אויך ביי קין און ביי הבל. קומט אויס, אַז דעמאָלס זענען אַלע באַשעפענישן געווען אין אַ מדריגה פון נביאים, אָבער ווען עס איז געווען 'ויהי כי החל האדם' וגו', **ווען די מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרדאַרבן זייערע אויגן** ('ויראו בני אדם' וגו'), **זענען זיי געוואָרן אינגאַנצן דערווייטערט פונעם באַשעפער, און ער האָט מער אַפילו נישט געוואָלט רעדן מיט זיי. ער האָט זיי אַפילו נישט געוואָלט קענען**, ווי דער פסוק זאָגט 'לא ידון רוחי באדם', און ער האָט געברענגט אַ מבול אויף דער וועלט.

פון די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש, קען מען אַרויסלערנען אויך פאַרקערט, **'מדה טובה מרובה', אַז וואָס מער דער מענטש איז מוסיף אַ שמירה אויף זיינע אויגן, זיי זאָלן בלייבן בקדושה ובטהרה, ווערט ער מיט דעם נענטער און נענטער צו דעם אויבערשטען, ביז ער קומט-צו צו די מדריגה פון נבואה...**

באַטש ער איז געווען אַ צדיק, האָט זיין צדקות איהם נישט געראַטעוועט, נאָר די בחינה פון 'חן', און ווי אַזוי האָט נח באַקומען דעם חן? ווייל ער האָט מקיים געווען געוויסע מצוות וואָס זענען גורם צו ברענגען חן אויפ'ן מענטש.

**דער** 'אור החיים' הקדוש שרייבט: 'כי יש לך לדעת, שיש מצוה שתועלתה להמשיך חן על האדם, או בבחינת ג' או ד' מצוות ידועות' - עס איז דאָ אַ מצוה, דריי אָדער פיר באַקאַנטע מצוות, וואָס האָבן דעם כח אַז זיי זענען ממשיך חן אויפ'ן מענטש, עכ"ד.

**מיר** געפינען אָבער נישט אין די ווערטער פונעם 'אור החיים' הקדוש, וואָס ס'איז דער וועג דורך וועלכן מ'קען געפינען חן אין די אויגן פונעם באַשעפער, יעדער בר דעת פאַרשטייט דאָך אַליין וויפיל ער דאַרף אָנקומען צו דעם, צו געפינען חן און חסד פאַר דעם קעניג, אַז ער זאָל איהם ראַטעווען פון די וואַסערן פונעם 'מבול' וואָס פאַרשוועמען לוידער, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, מיט אַלע שוועריגקייטן און נסיונות.

**פון** דער צווייטער זייט, זעהען מיר דאָך אָבער פון די אויבן-דערמאָנטע ווערטער פונעם 'בית אברהם' זי"ע, אַז נח איז געראַטעוועט געוואָרן פונעם מבול ווייל ער האָט הייליג געהיטן זיינע אויגן[יג], ווייל דאָס היטן די אויגן איז אַ 'סגולה' צו געפינען חן אין די אויגן פון דעם באַשעפער און פון מענטשן[יד], און די גמרא זאָגט (סוכה מט:) 'כל אדם שיש בו חן, בידוע שהוא ירא שמים' - יעדער מענטש וואָס האָט חן, איז אַ סימן אַז ער האָט מורא פון דעם אויבערשטען[טו].

**דער** ראב"ד ז"ל שרייבט ('בעלי הנפש', שער הקדושה) אַז דער ערשטער גדר פון אַלע גדרים, איז צו היטן

---

**יג.** דאָס איז אויך אַ עצה טובה פאַר אונז אַלע, אַז דער מענטש וואָס וויל געראַטעוועט ווערן פונעם 'מבול', איז זיין עצה ער זאָל היטן זיינע אויגן בקדושה ובטהרה, און עס פאָדערט זיך טאַקע גאָר אַ שטאַרקע זהירות נישט צו קוקן אויף די טמא'נע כלים, ווען מ'איז 'נייגעריג' צו זעהן און וואָס עס קומט פאַר אויף דער וועלט... און אויך איינער וואָס האָט שוין יאָ אַ 'הכשר' פון אַ מוסמך'דיגן רב פאַר זיין פרנסה צו האַלטן אַזאַ 'כלי', האָט ער אָבער בשום אופן נישט קיין 'היתר' צו קוקן אויף זאַכן וואָס זענען נישט פאַר'ן צורך פון זיין פרנסה, ודי למבין...

**יד.** אַזוי געפינען מיר אין פסוק וועגן יוסף הצדיק (בראשית מט, כב) 'בן פורת יוסף, בן פורת עלי עין'. זאָגט רש"י, אַז דאָס וואָרט 'פורת' איז פון לשון **חן**. 'חנו נטוי על העין הרואה אותו' - יוסף'ס חן איז געווען 'איבערגעבויגן' אויף דעם אויג וואָס האָט איהם געזעהן. **ווי אַזוי האָט יוסף הצדיק זוכה געווען צו חן?** אויף דעם זאָגט דער קומענדיגער פסוק, 'בנות צעדה עלי שור' - נשים האָבן זיך געדרייט אויף די גאַסן און **ער האָט נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו קוקן אויף זיי ח"ו.**

אויך געפינען מיר אין פסוק (בראשית לט, כא) 'ויתן חנו בעיני שר בית הסוהר' - **יוסף הצדיק האָט באַקומען חן** אין די אויגן פונעם הויפט-אויפזעהער איבער דער טורמע וואו ער איז געווען איינגעשפּאַרט (זעה אויך 'רבינו בחיי', שמות כ, יז).

**טו.** אַ מורא'דיגע מעשה, דערציילט דער בעל העובדא, הרב מרדכי גאָלדבערג שליט"א פון דער 'בראַכפעלד' געגנט אין מודיעין. ער אַרבעט אַלס אַ סופר, שרייבנדיג ספרי תורה, תפילין און מזוזות. די צווייטע נאַכט חול המועד סוכות, האָט רבי מרדכי זיך באַטייליגט אין אַ 'שמחת בית השואבה', וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ברוב עם אין דער שטאָט ביתר, וואו מ'האָט צווישן אַנדערן מעורר געווען דעם עולם איבער דעם ענין פון שמירת עינים. מ'האָט דערמאָנט דעם פסוק (ישעיה לג, טו-טז) **'ועוצם עיניו מראות ברע**, הוא מרומים ישכון וגו', **לחמו ניתן מימיו נאמנים'**. זאָגט רש"י, **'לחמו נתן** - ער וועט נישט דאַרפן בעטן ברויט, ווייל מ'וועט עס איהם צושטעלן פון הימל. **'מימיו נאמנים'** - דער מקור פון זיין וואַסער וועט איהם נישט אָפּנאַרן. דאָס הייסט, זיינע קינדער וועלן וואַקסן און אַלע זיינע באַדערפענישן וועלן פאַר איהם צוגעשטעלט ווערן. בשעת מעשה, איז דער גאַנצער עולם אויפגעשטאַנען און זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ טאַנצנדיגן גוזאַנג, זינגענדיג מיט גרויס התעוררות די דאָזיגע ווערטער פון רש"י.

די אויבן-דערמאָנטע ווערטער פון רש"י ז"ל זענען גוט 'אַריין אין דיביינער' און אין האַרץ פון רבי מרדכי, ספּעציעל אַז אין יענע תקופה האָט ער זיך שטאַרק געפּלאָגט אויף פרנסה, און ער האָט תיכף ומיד גענומען אויף זיך אַ געוויסע קבלה, זיך צו שטאַרקן אין דעם ענין פון שמירת העינים בקדושה ובטהרה.

די אויגן[טז], ווייל אויב די אויגן פונעם מענטש זענען אָפּגעהיטן, איז זיין האַרץ אָפּגעהיטן, און ווען די אויגן און דאָס האַרץ זענען אָפּגעהיטן, איז דער גאַנצער מענטש אָפּגעהיטן.

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ט, כג) 'ויקח שם ויפת את השמלה וישימו על שכם שניהם וילכו אחורנית, ויכסו את ערוות אביהם ופניהם אחורנית, וערוות אביהם לא ראו', פרעגט דער 'אלשיך' הקדוש, פאַרוואָס זענען זיי געגאַנגען צוריקוועגס ('אחורנית'), און אויב זיי האָבן אַזוי געטוהן ווייל זיי האָבן געוואָלט אָפּהיטן זייערע אויגן נישט צו זעהן שלעכטס, איז דאָך געווען גענוג פאַר זיי צוצומאַכן זייערע אויגן? פאַרוואָס האָבן זיי אויסגעדרייט זייערע פנים'ער אויף צוריקוועגס?

**איז** דער תירוץ, אַז דאָס זעהן אַן אומריינע זאַך שאַדט פאַר'ן 'צלם אלוקים' פונעם מענטש, אפילו אויב זיינע אויגן זענען נישט אָפּען...

**דאָס** זעהט מען אויך פון די ווערטער פון דער גמרא (ב"ב נז:), אַז אויב דער מענטש קען גיין אויף אַ וועג וואו ער קען היטן די אויגן, און ער גייט אויף אַ וועג וואו ס'איז שווער צו היטן די אויגן, ווערט ער אָנגערופן אַ רשע. זאָגט רש"י, אַז ער ווערט גערופן אַ רשע אויך אויב ער האָט געהיטן זיינע אויגן און איז נישט נכשל געוואָרן, ווייל דאָס עצם האָבן פאַר די אויגן אַ זאַך וואָס מ'טאָר נישט זעהן, איז פוגם אין דעם נפש פונעם מענטש און ברענגט אויף איהם אַ טומאה רח"ל.

**דער** ראָפּשיצער רב זי"ע האָט נאָכגעזאָגט (געברענגט אין ספר 'אבני זכרון', אות קיא) אין נאָמען פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (במדבר ט, יג) 'והאיש אשר הוא טהור ובדרך לא היה'. דער מענטש וואָס איז ריין, איז אַ סימן אַז 'בדרך לא היה' - ער האָט זיך נישט געדרייט אויף די וועגן... ווייל די וועגן זענען אַ סכנה ברוחניות פאַר'ן מענטש.

**אויך** האָט דער הייליגער לובלינער זי"ע געזאָגט (שם, אות קטז), אַז מיר געפינען צוויי מאָל דאָס וואָרט 'אשרי' אין די פסוקים. ביים דאַוונען, זאָגן מיר 'אשרי יושבי ביתך', און מ'ענדיגט-צו 'תהילת ה' ידבר פי', און אויך זאָגט מען 'אשרי תמימי דרך', וואָס יענער קאַפּיטל

---

דינסטאָג אינדערפרי, חול המועד סוכות, האָט אַ געוויסער סוחר טעלעפאָנירט צו איהם מיט אַ פאָרשלאַג פון אַ גוט געשעפט אין דעם ענין פון סת"ם, מיט אַ גאָר שיינעם באַלון דערפאַר. און כאָטש ביז דאַן איז רבי מרדכי געווען נישט מער ווי סתם אַ 'סופר', און האָט קיינמאָל נישט געהאַנדלט מיט כתבי הקודש, אָבער יענער סוחר האָט איהם שטאַרק צוגערעדט, און כדי איהם צו באַאיינפלוסן, האָט ער איהם באַלד געגעבן 'מעות קדימה', אַ גרויסן סכום געלט... (רבי מרדכי האָט באַלד געפרעגט אַ מורה הוראה, אויב ער מעג מאַכן דאָס געשעפט אין חול המועד, און יענער רב האָט גע'פסק'ענט, אַז וויבאַלד ער שרייבט נישט אונטער מיט יענעם אַ קאָנטראַקט, איז עס אינגאַנצן נישט אין דעם גדר פון אַ 'משא ומתן'). **דאַן האָט** רבי מרדכי זוכה געווען צו זעהן בחוש ווי די ווערטער פון רש"י ז"ל זענען 'חיים וקיימים', ווייל **אין דער מינוט ווען ער האָט גענומען אויף זיך צו שטאַרקן זיך אין דעם ענין פון 'עוצם עיניו מראות ברע', האָט ער באַלד זוכה געווען צו 'לחמו נתן'... און פון הימל האָט מען איהם באַלד צוגעשטעלט אַ וועג צו קענען האָבן פרנסה בריווח...**

**טז.** הרה"ק רבי שמחה בונם פון אָטוואָצק זי"ע (אַ זון פון הרה"ק רבי מענדעלע וואָרקער זי"ע) איז אויף די עלטערע יאָרן אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל. ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין געוואַלדיגע שמירת העינים, אויף אַזוי ווייט אַז ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס אין דער אַלט שטאָט ירושלים, איז זיין משמש בקודש געגאַנגען פאָראויס און איהם געוויזן דעם וועג, ער זאָל נישט נכשל ווערן ח"ו מיט אַ ראיה אסורה.

איין טאָג, איז דער גאון רבי פנחס עפּשטיין זצ"ל (שפּעטערדיגער ראש בית דין פון דער עדה החרדית אין ירושלים) געשטאַנען אויף אַ ווינקל אויפ'ן גאַס, און געזעהן ווי דער משמש גייט פאָראויס פאַר'ן אָטוואָצקער רבי'ן, און ער האָט געטראַכט ביי זיך, פאַרוואָס דאַרף אַזאַ עלטערער צדיק זיך אַזוי שטאַרק דערווייטערן פון אַ חשש פון אַ ראיה... ער איז דאָך אַן ערליכער איד, און איז ממילא אָפּגעהיטן... שטייענדיג אַזוי און טראַכטנדיג, איז צוגעקומען צו איהם הרה"ק רבי בונם'ל, וועלכער האָט מרגיש געווען וואָס ער טראַכט, און איהם געזאָגט:

**- יונגערמאַן, שלמה המלך ע"ה, דער 'חכם מכל האדם', האָט שוין געזאָגט** (משלי ג, ז) **'אל תהי חכם בעיניך', און ס'איז נישט קיין נפקא מינה אין וועלכן עלטער. מיר זענען אייביג אָנגעזאָגט געוואָרן זיך צו היטן די אויגן. מ'טאָר נישט פּרובירן צו זיין אַ 'חכם' אין דעם ענין...**

(תהלים קיט) ענדיגט זיך מיט די ווערטער 'תעיתי כשה אובד'. האָט דער לובלינער געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס זיצט אינדערהיים און היט זיינע אויגן, איז ער אַ קדוש וטהור און ער קען טאַקע זאגן שירות ותשבחות פאר דעם אויבערשטען. דאַקעגן, איינער וואָס געפינט זיך אויפ'ן וועג וואו ער שטייט ממש אין אַן אָרט פון אַ סכנה (ברוחניות), איז דער סוף אַז 'תעיתי כשה אובד' ח"ו.

און דער לובלינער האָט צוגעגעבן, אַז צוליב דעם האָט דוד המלך ע"ה געזאָגט דעם קאַפּיטל 'אשרי תמימי דרך', אויף אַן אופן פון 'תמניא אפי' - אַכט פסוקים, ווייל דער מענטש וואָס געפינט זיך אויפ'ן וועג, דאַרף אויסדרייען זיינע טריט צו גיין אויף אַכט זייטיגע וועגן... כדי אָפּצוהיטן זיינע אויגן בקדושה, אַז ער זאל נישט געשטרויכלט ווערן ח"ו.

פון דער צווייטער זייט, האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, אַז דער וואָס איז זוכה צו זיין גאַנץ ('תמימי') אויך ווען ער איז אונטערוועגנס, 'אשריו ואשרי חלקו' ('אשרי תמימי דרך'), און ער איז זוכה צו 'תמניא אפי' - ער וועט שטייגן אַכט מאָל מער, ווי ווען ער וואָלט געזעסן אינדערהיים. זיין פנים שיינט אַכט מאָל אַזוי פיל".

---

**יז.** די תלמידים פונעם ווילנער גאון זי"ע, האָבן אַמאָל געפרעגט דעם גאון: וואָס פאַר אַ חכמה איז עס צו זיין איינגעשפּאַרט אין אַ צימער און לערנען תורה? האָט דער ווילנער גאון זיי געענטפערט: **'דער אויבערשטער זוכט נישט קיין 'חכמות'...'.**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז כאָטש איינער וואָס גייט אויפ'ן גאַס און היט זיך די אויגן איז אין אַ העכערע מדריגה, אָבער דער אויבערשטער וויל נישט אַז דער מענטש זאָל ברענגען אויף זיך נסיונות.

אַ בחור האָט אַמאָל געבעטן רשות פון הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל, דער באַרימטער משגיח פון דער ישיבה אין 'כפר חסידים', רשות אַרויסצוגיין פון ישיבה. האָט רבי אליהו לאָפּיאַן געפרעגט דעם בחור צי ער האָט נישט מורא אַז ער וועט חלילה נכשל ווערן מיט אַ ראיה אסורה. האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער האָט נישט מורא... האָט רבי אליהו לאָפּיאַן איהם געזאָגט:

- איך בין שוין ב"ה אַכציג יאָר אַלט, און אויף איין אויג זעה איך אינגאַנצן נישט, און אויך דאָס צווייטע אויג איז שוואַך, און פונדעסטוועגן ציטער איך יעדעס מאָל ווען איך גיי אַרויס אויפ'ן גאַס, און נישט נאָר דאָס, נאָר איידער איך גיי אַרויס אויפ'ן גאַס בין איך מתפלל צום אויבערשטען אַז איך זאָל נישט געשטרויכלט ווערן חלילה, און דו, אַ יונגער בחור מיט צוויי געזונטע אויגן, ווי אַזוי האָסטו נישט מורא פאַר אַ פגם...

אַמאָל האָט דער צדיק באַקאַנט אַלס דער 'באַבאַ סאַלי', הרה"ק רבי ישראל אבוחצירא זי"ע, געזאָגט פאַר איינעם אַז ער ווייסט גענוי וואו ער איז געווען אין יענער שעה, און מ'האָט קלאָר געזעהן אַז ער האָט רוח הקודש. ווען מ'האָט געפרעגט דעם 'באַבאַ סאַלי' ווי אַזוי ער האָט זוכה געווען צו אַזעלכע געהויבענע גילויים, האָט ער געענטפערט: **'ווען מ'היט זיך די אויגן נישט צו זעהן זאַכן וואָס מ'דאַרף נישט זעהן, איז מען זוכה אַז די אויגן ווערן געעפענט צו זעהן הימלישע מראות...**

אַוודאי זענען דאָ שווערע נסיונות, אָבער מ'דאַרף קענען ביישטיין די נסיונות. **ס'איז נישט אַ קונץ נישט צו האָבן אַ יצר הרע...**

מ'דערציילט, אַז אַ איד האָט אַמאָל אויסגעלויבט פאַר דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל אַ חשוב'ן בחור אַ בן עליה, און צווישן אַנדערן האָט דער איד געזאָגט וועגן דעם בחור, אַז 'ער האָט בכלל נישט קיין יצר הרע'... האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

**- אויב אַזוי, איז ער דאָך אַ 'בעל מום' רח"ל. ווייל 'כי זה כל האדם', דער מענטש האָט אַ יצר הרע, און ער דאַרף זיך שטאַרקן אויף איהם צו טוהן דעם רצון פון דעם באַשעפער!**

אַ איד וואָס פלעגט פאָרן צום ליובאַוויטשער רבי'ן הרה"ק רבי שמואל זי"ע, איזליידער נכשל געוואָרן און האָט געעפענט זיין געשעפט אין שבת פאַר זיין פרנסה. האָט דער רבי מהר"ש איהם געפרעגט:

- דו ווייסט דאָך ווי האַרב עס איז די עבירה פון חילול שבת...

האָט דער איד געענטפערט: 'רבי, דער שבת איז אַ פעט שטיקל'... (ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אין שבת קומען אַסאַך קונים, און ס'איז איהם אַ שאָד צו דערלייגן די פאַרדינסטן פונעם שבת'דיגן טאָג). האָט דער רבי מהר"ש איהם געזאָגט:

### ובתרותו יהגה יומם ולילה - לימוד התורה איז דער מקור פון אלע ברכות

**אין** דער היינטיגער פרשה (י, י) לייענען מיר: 'ותהי ראשית ממלכתו בבל וארך' וגו'.

**אא"ז** הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע פלעגט כסדר איבערזאָגן אַ וואָרט וואָס שטייט אין ספה"ק 'אור לשמים' (פ' נצבים), אויף דעם פסוק 'ותהי ראשית ממלכתו בבל', אַז דער פסוק איז מרמז, אַז דער 'ראשית' דער אָנהייב פון קבלת עול מלכות שמים, איז צו לערנען גמרא - 'תלמוד בבלי'[יח], און פון דעם וועט ער האָבן 'ארך' אריכות ימים, און 'ארך' איז אויך פון לשון רפואה ('ארוכה ומרפא')[יט].

**אויף** דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ט, כ) 'ויחל נח איש האדמה', ווערט געברענגט א שיינע פשט

---

- צי ווייסטו פאַרוואָס די תורה האָט געאסר'ט צו ברענגען אַלס אַ קרבן אַ 'מחיר כלב' (אַ זאַך וואָס זיין אייגנטימער האָט עס אויסגעטוישט פאַר אַ הונט), מער ווי אַנדערע בעלי חיים, ווי צום ביישפיל, אַן אייזל אָדער אַנדערע טמא'נע בעלי חיים. דאָס איז דערפאַר ווייל אַזוי איז די נאַטור פון אַ הונט: ווען ער זעהט אַ 'פעטן שטיקל', לאָזט ער איבער זיין בעה"ב און ער לויפט צו דעם 'אוצר' וואָס ער האָט געפונען...

דערמיט האָט דער רבי מהר"ש געמיינט מרמז צו זיין פאַר דעם איד, זעה נאָר ווי אַזוי דיין התנהגות זעהט אויס. דו ביזט דאָך ווי אַ הונט רח"ל, וואָס לויפט צו אַ 'פעט שטיקל', און אויך דו זאָגסט אַז די הכנסות פונעם געשעפט אין שבת קודש, זענען אַ 'פעט שטיקל'...

**לדידן ייאמר, יעדער איינער מיט זיינע נסיונות. ווען אַ בחור זיצט און לערנט אָדער ער האַלט אינמיטן דאַווענען, און עס קומט איהם אונטער אַ פעט שטיקל 'לשון הרע', אָדער אַ נסיון אין אָפּהיטן די גדרי הקדושה ווען עס קומט אונטער... זאָל ער נישט זיין אַזוי ווי יענער הונט ח"ו, און ער זאָל זיך נישט אָפּרייסן פון זיין ליבן טאַטן אין הימל פאַר אַ 'פעטן שטיקל'...**

אויך ווערט דערציילט, אַז אַ יונגערמאַן האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק רבי מענדעלע וויטעפסקער זי"ע איבער זיין שווערן יצר הרע וועלכער רודפ'ט איהם אומאויפהערליך. ווען עס געלונגט איהם שוין צו באַזיגן זיין יצר הרע, ברענגט דער יצר הרע אויף איהם באַלד אַ נייעם נסיון, ער האָט געקרעכצט: 'אוי, רבי, ס'איז 'כלו כל הקיצין', און איך האָב שוין נישט קיין כח מלחמה צו האַלטן מיט'ן יצר הרע'.

האָט הרה"ק רבי מענדעלע וויטעפסקער זי"ע איהם געענטפערט, די ספרים ברענגען אַז ווען אידן טוהען ביישטיין זייערע נסיונות, ווערט פון דעם אַ קלייד פאַר דעם אויבערשטען כביכול. דער סדר העולם איז דאָך, אַז מ'טוישט פון צייט צו צייט די קליידער, ווייל נאָך אַ צייט ווערט מען שוין צוגעוואוינט צום אויסזעהן פונעם בגד און מ'געניסט שוין נישט פון זיין אויסזעהן... דאָס זעלבע איז ביי דעם אויבערשטען כביכול, ער 'טוישט' כסדר כביכול זיינע 'קליידער' דורך די נייע נסיונות וואָס קומען אונטער פאַר דעם מענטש, 'יום ולילה לא ישבותו', ווייל **ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף זיין נסיון, ווערט פון דעם געניייט אַ 'ניי' קלייד פאַר דעם אויבערשטען כביכול.**

**יח.** אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי ישראל פון סטאָלין זי"ע, באַקאַנט אַלס דער 'ינוקא', אַז די הייליגע תורה איז דאָך צוגעגליכן צו ברויט (ב"ר פ"ע, ה, און אין אַנדערע ערטער אין מדרש און אין זוהר), און דאָס לערנען ספרי מוסר און ספרי חסידות, איז אַזוי ווי פוטער מיט וועלכע מ'באַשמירט דאָס ברויט. ברויט אָן פוטער איז נישט זיס פאַר'ן מויל, אָבער ס'איז נאָך אַלץ 'צום עסן', אָבער אויב איינער וועט עסן פוטער אָן ברויט, וועט ער דאָך אויסברעכן אַלעס וואָס ער האָט געגעסן. דאָס זעלבע איז מיט לימוד התורה, **צוזאַמען מיט לימוד ספרי חסידות און מוסר, דאַרף מען לערנען גמרא און פוסקים.**

אויך פלעגט אא"ז הרה"ק מלעלוב זי"ע זאָגן, ביי לימוד המוסר און חסידות, איז דאָ אַ באַגרעניצטע צייט דערפאַר, יעדער איד אויף זיין אופן, **אָבער גמרא דאַרף מען לערנען אָן אַ סוף, און אָן אַ 'גרעניץ'.**

הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'יגדיל תורה'), **אַז דער יצר הרע קען באַשטיין מ'זאָל אַפילו לערנען דעם הייליגן ספר 'חובות הלבבות', אַבי מ'זאָל נישט לערנען גמרא... ווען מ'לערנט גמרא, איז דער יצר הרע אַ 'פאַרלוירענער'...**

**יט.** בכלל, האָט מען הצלחה אין אַלע ענינים אין זכות פון לימוד התורה, ווי הרה"ק רבי יוחנן'טשע ראַחמיסטריווקער זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ חסיד וועלכער האָט דערלאַנגט אַ 'קוויטל' מיט אַ בקשה צו האָבן 'ברכה והצלחה בכל הענינים'. האָט הרה"ק רבי יוחנן'טשע איהם געזאָגט:

- דוד המלך ע"ה איז געווען דער גרעסטער רבי... און ער האָט שוין געזאָגט (תהלים א, ב) 'כי אם בתורת ה' חפצו **ובתורתו יהגה יומם ולילה וגו', וכל אשר יעשה יצליח'**... זעהט מען אַז דער מענטש וואָס וויל האָבן הצלחה אין אַלע ענינים, זאָל ער עוסק זיין אין לימוד התורה, ווייל די תורה איז דער מקור פון די ברכה.

הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט זיין תלמיד, דעם גאון רבי יהושע'לע קוטנער זצ"ל, באַקאַנט אַלס דער 'חלקת יואב', פאַרוואָס ער נעמט נישט קיין קוויטלעך פון אידן, ער איז דאָך ראוי דערצו. האָט דער 'חלקת יואב' זיך פרובירט אַרויסדרייען דערפון, זאָגנדיג אַז ער איז נישט ראוי דערצו, און ער האָט נישט קיין שייכות מיט די אַלע 'רבי'שע מנהגים'... האָט דער 'אבני נזר' איהם געזאָגט:

- צי דען מיינט איר, אַז צו פועל'ן ישועות פאַר אידן, דאַרף מען עוסק זיין אין לימוד תורה הנסתר? ניין, **מ'קען פועל'ן ישועות אויך דורך לערנען תורת הנגלה.**

און דער 'אבני נזר' האָט צוגעגעבן פאַר דעם 'חלקת יואב', אַז ס'איז דאָ 'נימוקי יוסף' אין מסכת בבא קמא, וואָס איז מסוגל פאַר פקידת עקרות...

אַ איד האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר'ן גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, אַז ער פאַרשטייט נישט גוט וואָס ער לערנט. האָט דער 'חזון איש' איהם באַרואיגט זאָגנדיג, דאָס גאַנצע לעבן פונעם מענטש איז דאָך אַזוי ווי אַ חלום... אויף יענער וועלט, טוט מען אויפקלערן און קלאָר מאַכן פאַר'ן מענטש אַלעס וואָס ער האָט געלערנט אויף דער וועלט.

דער מענטש זאָל טאַקע נישט זאָגן, איך האָב דאָך נישט די כשרונות צו לערנען... ווייל 'מי לנו גדול', ווער איז דען גרעסער ווי דער רמב"ם ז"ל, וועלכער האָט אין זיין יוגנט שווער פאַרשטאַנען דאָס לערנען, און צום סוף איז ער אויסגעשטיגן צו ווערן דער רמב"ם, וואָס 'ממשה עד משה לא קם כמשה'.

אַזוי שרייבט דער 'סדר הדורות' (אלף החמישי, ד"א תתקכז) אַז דער רמב"ם האָט זייער שווער פאַרשטאַנען יונגערהייט וואָס ער האָט געלערנט, וואָס האָט גורם געווען אַז ער זאָל האָבן ווייניג חשק צום לערנען. **זיין טאַטע פלעגט איהם שלאָגן און האָט זיך מייאש געווען פון איהם, איהם אָנרופנדיג אַ 'זון פונעם קצב', און ער האָט איהם פאַרטריבן פונדערהיים.**

איז דער רמב"ם ז"ל געגאַנגען אין שול אַריין, וואו ער איז איינגעשלאָפן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער זיך געזעהן ווי אַ נייער מענטש. ער איז אַנטלאָפן פון זיין פאָטער און איז געגאַנגען צו אַ שטאָט וואו עס האָט געוואוינט הרב רבי יוסף בן מיגאש (באַקאַנט אַלס דער 'ר"י מיגאַש'), און ער האָט אָנגעהויבן לערנען ביי איהם, און איז געוואָרן גאָר אַ גרויסער גדול בתורה און אַ חכם.

אַ צייט שפּעטער, איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין פאָטער'ס וואוין-אָרט קורדובה, אָבער ער איז נישט אַהיימגעגאַנגען צו זיין פאָטער. שבת האָט ער געזאָגט אַ דרשה אין שול, וואו ער האָט געזאָגט וואונדערליכע חידושים, און נאָך די דרשע איז זיין פאָטער און זיינע ברידער צוגעקומען צו איהם און זיי האָבן איהם געקושט און געהאַלדזט, און איהם אויפגענומען בסבר פנים יפות.

ער שרייבט, אַז ער האָט מקבל געווען פון די חכמי הדור, אַז דער רמב"ם ז"ל איז געווען פאַרמאַכט מיט זיין רבי'ן אין אַ הייל 12 יאָר נאָכאַנאַנד, און דאָרט האָט ער מקבל געווען זיין תורה.

דאָס קען דינען אַלס חיזוק פאַר עלטערן און מחנכים, און אַוודאי פאַר די תלמידים זעלבסט, אַז **מ'טאָר זיך נישט מייאש זיין פון פאַרשטיין דאָס לערנען, און אויך אויב מ'זעהט אַז ער האַלט נישט ביים לערנען, קען ער נאָך אויסוואַקסן פון די בעסטע און שענסטע, און פאַרשיינען די גאַנצע וועלט מיט זיין תורה און יראת שמים, 'חזקו ואמצו'...**

**אַ סגולה זוכה צו זיין צו פאַרשטיין וואָס מ'לערנט, איז אויך דאָ, און עס ווערט אנגערופן... תפילה!**

אַזוי ווערט געברענגט אין די הקדמה צום ספר 'רקאַנטי', אַז ער האָט בקבלה פון זיין רבי'ן רבי יעקב רקאַנטי, וועלכער האָט געשטאַמט פון רבי מנחם רקאַנטי, אַז ער האָט בקבלה פון זיינע עלטערן אַז דער גאון רבי מנחם האָט שטאַרק ליב געהאַט צו לערנען, אָבער ער האָט געהאַט אַ שוואַכן קאָפּ, און ער האָט אַסאַך געפאַסט און מתפלל געווען צום באַשעפער אַז מ'זאָל פון הימל אויסברייטערן זיין שכל און זיין האַרץ, אַז ער זאָל קענען פאַרשטיין די הייליגע תורה.

איינמאָל ווען ער האָט געפאַסט און מתפלל געווען אין ביהמ"ד, האָט ער איינגעדרימלט, און ער האָט געזעהן אַ מענטש מיט אַ כלי מיט וואַסער. יענער האָט איהם אויפגעוועקט און געזאָגט ער זאָל טרינקען. האָט ער

אין ספרים, ווייל רש"י זאָגט דאָך פריער אין דער פרשה (ז, ב) אַז נח האָט געלערנט תורה[כ]. אויך איז באַקאַנט וואָס דער מדרש זאָגט (ויק"ר ריש פרשת בחוקותי) אויפ'ן פסוק (תהלים קיט, נט) 'חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך', דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט, רבונו של עולם, יעדן טאָג האָב איך געטראַכט ביי זיך, איך גיי צו יענעם אָרט, און מיינע פיס האָבן מיך געברענגט אין בית המדרש.

**זאָגן** די ספרים, אַז דוד המלך ע"ה האָט געמיינט צו זאָגן, ווען איך הייב נאָר אָן צו גיין אין בית המדרש אַריין צו לערנען תורה, קומט באַלד צו מיר דער יצר הרע און ער וויל מיך אָפּרעדן דערפון, מיט פאַרשידענע תירוצים... ס'איז דאָ אַ לייב אויפ'ן וועג... דו ביזט מיד, א.א.וו. זאָג איך דאַן צו מיר, איך גיי דאָך 'אין יענעם אָרט', דאָס הייסט, ווען איך גיי פאַר מיינע אייגענע געברויכן, פאַר געלט א.ד.ג., מאַך איך דאָך דעמאָלס נישט די אַלע חשבונות (אַז איך בין מיד...), ממילא, וועל איך אויך גיין אין בית המדרש אַריין, אָן מידקייט[כא] און פוילקייט.

לויט דעם זאָגן די ספרים אַ כוונה אינעם דערמאָנטן פסוק 'ויחל נח איש האדמה' וגו', אַז נח איז געווען אַן 'איש האדמה'. דאָס הייסט, יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען לערנען אָדער דאַווענען, און עס איז איהם אונטערגעקומען אַ נסיון, האָט ער זיך מתבונן געווען אין זיין 'פעלד אַרבעט' ('איש האדמה'), און ער האָט געזאָגט, אויב איך וואָלט יעצט געדאַרפט גיין אַרבעטן אויפ'ן פעלד, וואָלט איך דאָך יאָ געהאַט 'כח'

---

געטרינקען, און ער האָט אַפילו נישט באַוויזן אויסצוטרינקען די גאַנצע כלי (אין חלום) און דער מענטש איז פאַרשוואונדן. איז ער געגאַנגען אין שול אַריין אַזוי ווי אייביג, און ער האָט געזעהן ווי זיין קאָפּ איז קלאָר און שטאַרק, ער איז ממש איבערגעדרייט געוואָרן צו ווערן אַ נייער מענטש... דאַן האָט ער מחבר געווען זיין פירוש אויף תורה, און דעם ספר 'טעמי המצוות', עכ"ל.

**זעהען מיר פון דעם ווי גרויס עס דערגרייכט דער כח פון תפילה, אַז מ'קען דורך איר צוקומען צו גרויסע השגות אין די הייליגע תורה.**

**כ.** אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה, 'אלה תולדות נח נח איש צדיק' וגו', פרעגן די מפרשים פאַרוואָס ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון נח צוויי מאָל, 'נח נח'.

ענטפערט הרה"ק רבי ייב"י פון אוסטראה זי"ע (אין זיין הייליגן ספר 'רב ייבי') בדרך רמז, 'נח' איז מרמז אויף מנוחה, און חז"ל זאָגן (ירושלמי ברכות פ"ט, ה"ה) 'אם תעזבני יום, יומיים אעזבך'. אויב דער מענטש לאָזט זיך אָפּ פון לימוד התורה אַפילו איין טאָג, טוט די תורה זיך דערווייטערן פון איהם. דאָס איז די כוונה פון פסוק 'אלה תולדות נח' - די 'תולדות' און רעזולטאַטן פון מנוחה (ווען דער מענטש זוכט זיך 'אָפּצורוהען' פון לימוד התורה), איז 'נח' - ער וועט האָבן 'מנוחה' פון לימוד התורה נאָך אַ טאָג... ווייל די תורה וועט זיך דערווייטערט פון איהם ח"ו.

**כא.** הגה"ח מיקירי קרתא דשופריא רבי זלמן בריזעל זצ"ל, וועלכער איז געווען מזקני חסידי קאַרלין, פלעגט זיך אויך מסתופף זיין בצלא קדישא פון וויזשניצער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע. אַמאָל האָט ער געדאַרפט אַריינגיין צום 'אמרי חיים', און מ'האָט באַשטימט פאַר איהם דעם 'אַפּאָינטמענט' אין די פרימאָרגן שעה'ן. דעריבער איז ער געקומען קיין בני ברק אַ נאַכט פריער, און איז איינגעשטאַנען אין הויז פון זיין זון הרה"ח רבי נטע שליט"א.

רבי זלמן פלעגט זיך פירן אָפּצורוהען זיך פון עלף אַזייגער ביינאַכט ביז צוויי אַזייגער פאַרטאָגס, ווען ער פלעגט אויפשטיין צו עבודת הבורא. יענע נאַכט, האָט רבי זלמן אָבער נישט באַוויזן משלים צו זיין אַלע זיינע שיעורים אין לערנען, און דעריבער איז ער געבליבן לענגער לערנען צו ענדיגן זיינע שיעורים (איידער ער האָט זיך געלייגט אין בעט). זיין זון, רבי נטע, האָט איהם געבעטן ער זאָל זיך שוין צולייגן, און ער וועט שוין משלים זיין די שיעורים מאָרגן... רבי זלמן האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון, נאָר ווייטער געלערנט. דער זון האָט אָבער ווידער געדריקט אויף איהם, דו קענסט דאָך משלים זיין דיינע שיעורים מאָרגן... ס'איז דאָך שפּעט...

ווען רבי נטע האָט געזעהן אַז זיינע הפצרות העלפן נישט, איז ער אַריין אין קוך, און האָט זיך געזעצט עסן נאַכטמאָל. אינצווישן האָט רבי זלמן געענדיגט לערנען זיינע שיעורים, און ווען ער איז פאַרביי געגאַנגען די קוך און געזעהן זיין זון עסן צו דער זעט, האָט ער זיך אָנגערופן צו איהם (מיט'ן זעלבן 'נוסח' וואָס רבי נטע האָט גענוצט צו בעטן איהם זיך צו לייגן):

- גענוג, נטע'לע, דו קענסט דאָך מאָרגן 'משלים זיין' דיין נאַכטמאָל...

און 'מח' צו גיין אַרבעטן און עס טוהן בשלימות, ממילא, וועל איך דאָס זעלבע טוהן ווען עס קומט צו לערנען תורה אָדער מקיים זיין מצוות, אַז איך וועל עס טוהן מיט זריזות, שמחה און התלהבות, און מיט אט די געדאַנקען האָט דער צדיק נח זיך געשטאַרקט אויף אַלע מניעות און שטערונגען[כב].

מיר בעטן דעם אויבערשטען, אבינו אב הרחמן, שים שלום טובה וברכה חיים חן וחסד ורחמים עלינו ועל כל עמך בית ישראל, מיר זאָלן אַלע האָבן אַ געזונטן ווינטער און אַ זיס לעבטיג יאָר, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו, אמן.

---

**כב.** דאָס איז אויך די כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (ברכות ה.) 'יפשפש במעשיו, פשפש ולא מצא, יתלה בביטול תורה'. דאָס הייסט, ווען דער מענטש וויל זיך זעצן לערנען, פאַלן איהם איין אין געדאַנק פאַרשידענע 'תירוצים', אַז היינט האָט ער נישט קיין כח צו לערנען א.ד.ג., זאָל ער דאַן 'מפשפש' זיין 'במעשיו' - אין זיינע אייגענע געשעפטן, דאָס הייסט, אין זיינע גשמיות'דיגע ענינים, אַזוי ווי פּרנסה וכדומה, וועט ער זעהן אַז **ווען עס קומט צו אַרבעט, זוכט ער נישט קיין 'תירוצים', נאָר ער גייט אַרויס אַרבעטן 'מן הבוקר ועד הערב'**, ממש מיט 'מסירות נפש', אויב אַזוי, **דאַרף ער דאָס זעלבע טוהן ווען עס האַנדלט זיך פון לימוד התורה.**